9 וואָס קלאַפּט אָן, וועט אויפגעמאַכט ווערן. אָדער
וועלכער מענטש צווישן אייך איז עס, וואָס, אויב
זיין זון זאָל אים בעטן ברויט, וועט ער אים געבן
10 אַ שטיין? אָדער אויב ער זאָל בעטן אַ פיש, וועט
11 ער דען אים געבן אַ שלאַנג? אויב דעריבער איר,
זייענדיק שלעכט, ווייסט צו געבן גוטע גאָב צו
אייערע קינדער, וויפל מער וועט אייער פאָטער,
וואָס איז אין הימל, געבן גוטס צו די, וואָס בעטן
12 אים? דעריבער אַלץ, וואָס איר ווילט, אַז די מענטשן
זאָלן אייך טאָן, טוט אויך אַזוי פאַר זיי; וואָרום דאָס
דאָזיקע איז די תורה און די נביאים.
13 גייט אַריין דורך דעם ענגן טויער; ווייל גערוים
איז דאָס טויער, און אויסגעברייטערט דער וועג,
וואָס פירט צו פאַרדאַרבונג, און אַ סך זענען עס,
14 וואָס גייען אַריין דורך דעם דאָזיקן. ווי ענג איז
אָבער דאָס טויער, און שמאָל דער וועג, וואָס פירט
צום לעבן, און ווייניק זענען די, וואָס געפינען אים.
15 היט זיך פאַר די פאַלשע נביאים, וואָס קומען צו
אייך אין קליידער פון שאָף, אינעווייניק אָבער
16 זענען זיי פאַרצאַקנדיקע וועלף. פון זייערע פירות
זאָלט איר זיי דערקענען. צי קלויבט מען דען
וויינטרויבן פון דערנער, אָדער פייגן פון שטעכל-
17 קעס? אַזוי אַ גיט יעדער גוטער בוים אַרויס גוטע
פירות; דער פאַרפוילטער בוים אָבער גיט אַרויס
18 שלעכטע פירות. אַ גוטער בוים קען נישט ברענגען
קיין שלעכטע פירות, און אַ פאַרפוילטער בוים
19 נישט ברענגען קיין גוטע פירות. יעדער בוים,
וואָס גיט נישט אַרויס קיין גוטע פירות, ווערט
20 אָפּגעהאַקט, און געוואָרפן אין פייער אַריין. דעריבער
21 זאָלט איר זיי דערקענען פון זייערע פירות. נישט
יעדער איינער, וואָס זאָגט צו מיר, האַר, האַר,